בס״ד

# עונג שבת

## פרשת ויקרא תשס״ו

**גוט שבת אלע אידן.** עס שטייט אין פסוק: ״ויקרא אל משה וידבר ה׳ אליו מאהל מועד לאמר.״ (ויקרא א,א) מען קען מיינען אז די ווארט ״לאמר״ איז איבעריג ווייל די הייליגע תורה האט שוין דערמאנט אז דער באשעפער האט גערופן משה רבינו, מיט די ווערטער ״וידבר ה׳ אליו״. די חכמים ז״ל זענען מסביר אז דאס ווארט ״לאמר״ (צו זאגן) קומט אונז צו לערנן אז די אייבערשטער האט געגעבן בפרש רשות פאר משה רבינו ע״ה איבער צו זאגען די רייד פאר די בני ישראל. פון דא לערנט מען ארויס אז מען טאר נישט איבער זאגען א זאך וואס איינער האט געזאגט אן זיין רשות. (יומא ד:) פון דעם מאמר חז״ל קענען מיר ארויס נעמען א געוואלדיגע מוסר השכל, ווי אזוי מען דארף זיך פירען מיט אנדערע אידן. ד״ה, מען טאר נישט אויסזאגן יענענס סודות און פריוואטע אינפארמאציע , נאר טאמער ער לאזט אויסזאגן.

די הייליגע גמרא דערציילט אז עס איז געווען א תלמיד וואס האט א מאהל מגלה געווען א 22 יעריגער סוד. האט ר׳ אמי געזאגט ״דער מענטש איז א מגלה סוד.״ און ער האט ארויסגעשיקט יענעם תלמיד פון דעם בית מדרש! (סנהדרין לא.)

כמעט יעדער פריינטשאפט איז תלוי אויב אויף דעם וואס מען קען זיין זיכער אז יענער וועט האלטן דאס מויל, און נישט אויסזאגן פריוואטע אינפארמאציע. מענטשן וואס זענען אין א פאזיציע וואו מען הערט כסדר אסאך פריוואטע אינפארמאציע, ווי למשל א גבאי, א רב, א משגיח אין ישיבה, א דאקטור, א לויער, אדער א שדכן וכו׳, די מענטשן דארפען זיין נאך מער אפגעהיטען פון אויסזאגן יענעמס סודות און פריוואטע אינפארמאציע. ווייל ווער וויל דען האבן א שייכות מיט מענטשן וואס קענען נישט האלטן א סוד?

די זעלבע זאך איז שייך ביי א חבר. מען קען נישט זיין חברים מיט א מענטש וועמען מען קען נישט טראסטען. משל למה הדבר דומה: א וואסער טרעגער האט אמאל געזען אז זיין אמפער האט געהאט א לאך, און די וואסער האט צו ביסלעך ארויס גערינען. ער האט אבער געטראפן אן עצה: ער האט אריין געשטעקט זיין פינגער אין די לאך, און די וואסער האט אויפגעהערט ארויס צו רינען. א פאר מינוט שפעטער האט ער געטראפן נאך א לאך אין זיין אמפער. האט ער אריין געשטעקט א צווייטע פינגער אין די צווייטע לאך. ווען ער האט געזעהן א דריטער לאך, האט ער מחליט געווען ארויס צו–ווארפען דעם אמפער. אפילו דער אמפער איז געווען א גוטע אמפער ביז דעמאלט, וואס דער וואסער טרעגער האט שוין גענוצט א לאנגע צייט, האט ער עס נישט געקענט מעהר ניצן אפילו אויף איין מינוט, ווייל א אמפער מיט לעכער איז גאר נישט ווערט. די זעלבע זאך איז ביי א חבר און ביי יעדע סארט פריינטשאפט. ווער וויל דען רעדען פריוואטע זאכן מיט איינעם וואס קען נישט האלטן א סוד? די פאלגענדע מעשה צייגט די חשיבות פון נישט אויסזאגן יענעמס פריוואטע אינפארמאציע.

איינע פון די חשובע מוסדות צדקה ארום דעם אידישען וועלט איז ״תומכי שבת,״ וואס טיילט יעדע וואך פאר משפחות צרכי שבת, למשל: חלות, פיש, גרעיפ דזשוס, צוויבל קוגל, פלייש, מזונות, וכו׳ וואס פארשידענע קאמפאניס זענען מנדב פארן מצוה. אין גרויסע אידישע קהילות איז די סדר פון טיילן די ״תומכי שבת״ פעקל אזוי: מיטוואך און דאנערשטאג גייען די עסקנים פונם מוסד ארום און זיי ברענגען די פעקלעך צו די משפחות. רוב מאל, קענען נישט די עסקנים וואס טיילן אויס די ״תומכי שבת״ פעקלעך ווער די משפחות זענען, ווייל אין עטליכע קהילות קען זיין אז עס איז א בזיון פאר משפחות אויב אנדערע מענטשן ווייסען אז זיי באקומען די ״תומכי שבת״ פעקלעך. וועגן דעם, אין גרעסערע קהילות, לאזט מען די פעקלעך ביי די טיר פון די משפחות, אן די עסקנים זאלן וויסען אפילו וועלכע משפחה עס איז. נישט נאר דאס, אין אסאך קהילות מעגן נאר די עסקנים טיילן אין א געגענט ווי זיי קענען נישט דערקענען אפילו די אדרעסן פון די משפחות וועלכע נעמען די ״תומכי שבת״ פעקלעך. די עסקנים טוהן כסדר טראכטן נישט וועגען די עסן אזוי ווייט ווי זיי ווילן פשוט מאכן א נחת רוח פאר די משפחות. וועגן דעם איז מען אזוי מקפיד נישט מפרסם צו זיין די משפחות.

אין די שטאט לאנדאן איז ״תומכי שבת״ זייער אקטיוו. איינע פון דעם גרויסע ״תומכי שבת״ עסקנים איז א געוועזן ״יואל בעקער״ (נישט זיין עכטע נאמן). ר׳ יואל איז געוועזען דער גבאי צדקה פון ״תומכי שבת״ אין דער שטאט לאנדאן. צוויי מאהל א וואך איז ר׳ יואל געגאנגען נאך געלט. איין מאהל איז ער געגאנגן צו איינער וואס איז באקאנט געוועזן אלץ א גרויסער גביר ״ר׳ זאב קריינגאלד״ (נישט זיין עכטע נאמן) , און דער עולם האט געוואוסט אז ער שטיצט אסאך מוסדות אין לאנדאן. נאך א פאר מינוט שמועסן, האט ר׳ יואל געזאגט פארן גביר ר׳ זאב : ״איר האט זיכער געהערט פון דער מוסד ׳תומכי שבת׳, יעצט איז די מוסד אין א שווערער מצב, וועגן דעם בין איך יעצט געקומען צו בעטן אייער הילף.״ דער גביר ר׳ זאב האט געהערט ר׳ יואל׳ס ווערטער און איז געבליבן שטיל טראכטענדיג א פאר סעקונדעס. נאך א קורצע צייט האט דער גביר ר׳ זאב זיך אגערופען: ״איך בין גרייט דיר צו געבען £100 פונט (בערך $180 דעמאהלס) בתנאי אז דו זאלסט מיר אויסזאגן ווער באקומט די ״תומכי שבת״ פעקלעך יעדע וואך.״ דער עסקן ר׳ יואל איז געווארן איבערראשט.

״ר׳ זאב,״ האט דער עסקן ר׳ יואל אנגעהויבן צו זאגן ״איר ווייסט אז מען טאר נישט אויסזאגן די משפחות נאמען. אלעס איז שטארק ״קונפידענטש׳ל.״

״הערט׳ס מיך אויס,״ זאגט דער גביר ר׳ זאב. ״ס׳איז גאר וויכטיג פאר מיר צו וויסן וועלכע איד איך העלף. דעריבער וויל איך וויסן ווער וואס בעקומט די פעקלעך.״ ״זייט מוחל ר׳ זאב,״ זאגט דער עסקן ר׳ יואל. ״אבער איך האב נאך קיינמאל נישט מגלה געווען פאר קיינעם די נעמען. און איך וויל יעצט אויך בשום אופן נישט מגלה זיין!״

״קוק,״ האט דער גביר ר׳ זאב געזאגט מיט א אומרוהיגקייט, ״איך בין גרייט מנדב צו זיין £1000 טאמער וועסטו מיר אויסזאגן! איך וויל האבן א פערזענליכע קשר מיט די משפחות וואס איך העלף ארויס.״ דער עסקן ר׳ יואל האט געענפערט: ״ר׳ זאב, עס איז אונזערע שיטה, אז מ׳זאגט בשום אופן נישט די נעמען פון די משפחות. אפילו אויב איר וואלט מיר געבען £5000

״אזוי לאנג ווי איך בין דער אנפירער פון ״תומכי שבת״ וועט קיינע נישט אויסזאגן...״ פלוצלינג האט ר׳ זאב געלייגט זיינע הענט אויף זיין פנים און אנגעהויבען צו וויינען. ״ר׳ יואל״ האט דער גביר ר׳ זאב געוויינט ״ביטע לייג מיינע משפחה אויך אויף די ׳תומכי שבת ליסט׳... מענטשן ווייסן נישט, אבער איך האב נישט קיין געלט... איך האב אלעס פערלוירן. איך מיט מיין גאנצע משפחה זענען מיר ארעמעלייט. איך האב נישט קיין פרנסה... איך האב נאר געוואלט זעהן אויב די וועסט אויסזאגן. יעצט אז איך זעה אז דו זאגסט נישט אויס, אז איך האב נישט מורא אז דו גייסט אמאל מגלה זיין אז מיין משפחה באקומט די ׳תומכי שבת׳ פעקלעך. און וועגן דעם, וויל איך אייך יעצט בעטן מיך ארויף צו לייגען אויף די ׳תומכי שבת ליסט!״ האט דער געוועזענער גביר ר׳ זאב געזאגט ווען זיין פנים איז נאס פון טרערן.

ווי מער מען קען האלטען יענעמס סודות און פריוואטע אינפארמאציע, וועט מען האבן מער גוטע פריינט. פונקט אזוי ווי די בית המקדש איז חרוב געווארן דורך שנאת חינם, וועט מען אי״ה אלע זוכה זיין צו ברענגען דעם קרבן פסח אין ירושלים די יאר, טאמער מען וועט ארבעטן אויף אהבת ישראל. **גוט שבת אלע אידן.**

**לכבוד יומא דהילולא קדישא של כ״ק מרן אדמו״ר הקוה״ט זצוקללה״ה**

נתרם לרפו״ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים בתשח״י

לע״נ אברהם בן ליפא ע״ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**